# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................. 4:10
מוצאי שב"ק.................... 5:41

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......................... משלי ג–ד
בבלי....................... בבא קמא ל"ז
ירושלמי.................... ביכורים ט'
תוספתא.................... שבת ט"ו
רמב"ם...................... אישות כ"ה

פרשת וישב, שבת חנוכה, כ"ו כסלו, מברכים חודש טבת, שנת תשפ"ד לפ"ק — שנה 13, גליון 10 (630)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיְהִי ה' אֶת יוֹסֵף וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶעוֶוען מִיט יוֹסֵף, אוּן עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פ"ו, ה') אוֹיף דֶעם פָּסוּק אַז יוֹסֵף אִיז גֶעוֶוען "גְּבַר קַפּוּז", אַ פְרֵיילִיכֶער אוּן טַאנְצֶעדִיגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז אַלֶעמָאל גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעלֵייגְט אוּן פְרֵיילִיךְ, אוּן גֶעטַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כ"ד) **"מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד"**, סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט מַאֲרִיךְ אַז אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען נָאר וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל, וֶוערְט עֶר אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע קְרֶענְק. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין אַזַא גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן אַלֶע וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע קְרֶענְק אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶועריקַייטְן אוּן צָרוֹת אִין לֶעבְּן, צִי מְ'ווִיל יָא צִי נִישְׁט אִיז דָאס דֶער פַאקְט אַז קֵיינֶער לֶעקְט נִישְׁט קַיין הָאנִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט, יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין פֶּעקְל צָרוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אָבֶּער שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת יָא זִיךְ צוּ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ וֶוען סְ'קוּמְט אָן שְׁוֶוער.

**דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז אָן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיז נִישְׁט בְּלוֹיז אַ גוּטֶע עֵצָה אִין לֶעבְּן, נָאר דָאס אִיז מַמָּשׁ לֶעבְּנְסְווִיכְטִיג, אָן דֶעם קֶען אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט אָנְגֵיין, נִישְׁט בְּרוּחָנִיּוּת אוּן נִישְׁט בְּגַשְׁמִיּוּת. ווִי נָאר אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, עֶר וֶוערְט דֶעפְּרֶעסְט אוּן נָאכְגֶעלָאזְט, קֶען דָאס אִים זֵייעֶר שְׁנֶעל בְּרֶענְגֶען צוּ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד הַאלְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג, וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן עֶר הָאט דִי כּוֹחוֹת אוֹיפְצוּטוּן אוּן מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִין יֶעדְן הִינְזִיכְט אִין לֶעבְּן.**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קס"ט), "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אָפּ פוּן עֲבֵירוֹת". נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב', סִימָן א') "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער סְ'אִיז פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל, דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר מַצְלִיחַ.

יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז אַרִיבֶּער גָאר אַסַאךְ שְׁוֶועריקַייטְן אוּן צָרוֹת, זַיינֶע בְּרִידֶער הָאבְּן אִים פַיינְט גֶעהַאט אוּן אִים גֶעוָואלְט הַרְגֶ'עֶנֶען, מְ'הָאט אִים פַארְקוֹיפְט פַאר אַ קְנֶעכְט, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בַּאדִינֶען דֶעם טָמֵא'נֶעם מִצְרִי פּוֹטִיפַר אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט דָארְט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, מְ'הָאט גֶעמַאכְט אוֹיף אִים פַאלְשֶׁע בִּלְבּוּלִים אוּן אִים אַרַיינְגֶעשְׁלֵייְדֶערְט אִין טוּרְמֶע, אָבֶּער טְרָאץ דִי אַלֶע צָרוֹת הָאט עֶר זִיךְ גֶעהַאלְטְן פֶעלְזְן פֶעסְט אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט צֶעבְּרֶעכְן, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל, טְרָאץ דִי אִיבֶּערְגֶענוּג סִיבּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ זַיין אַלְץ גוּטְמוּטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ, אוּן דָאס הָאט אִים אָפְּגֶעהִיטְן אוּן דֶערְהַאלְטְן.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער דִי פְרַאגֶע ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ בִּיטֶערֶע צַייטְן אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם גֶעפוּנֶען מִיר טַאקֶע בַּיי יוֹסֵף הַצַּדִּיק, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא וַיֵּשֶׁב ח') אוֹיפְ'ן פָּסוּק וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי ה' אִתּוֹ, פּוֹטִיפַר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף, פְרֶעגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, "דֶער רָשָׁע פּוֹטִיפַר הָאט דֶען גֶעזֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! ווִי אַזוֹי הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף?", נָאר יוֹסֵף הָאט אַלְץ גֶעבֶּעטְן שְׁטִילֶערְהֵייט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי שְׁלֶעכְטֶע יְוָנִים, אוּן צוּרִיק גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם הֵיילִיגְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אוֹיפְגֶעלָאכְטְן דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ב, ד) אַז דִי יְוָנִים הָאבְּן פַארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן מִיט זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, זֵיי הָאבְּן בַּאפוֹילְן אַז מֶען מוּז אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף דִי הֶערְנֶער פוּן דִי אָקְסְן אַז מֶען הָאט חַ"ו נִישְׁט קַיין חֵלֶק מִיטְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. לָאמִיר נָאר אַרַיינְטְרַאכְטְן, פַארְוָואס רוּפְן עֶס דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל "פַארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן"?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ יֶעדְן טָאג צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריקַייטְן, קֵיינֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דֶעם, אֵייבִּיג אִיז דָא זַאכְן אִין אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן, וֶועלְכֶע גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעוָואלְט, אַמָאל מֶער אוּן אַמָאל וֵוייניגֶער.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן,

<<<<<<

## א גוט ווארט

עֶס אִיז אַ מִנְהָג יִשְׂרָאֵל צוּ שְׁפִּילְן אוּם חֲנוּכָּה – דְרֵיידְל, וָואס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן דֶערוֹיף דִי אוֹתִיּוֹת נ' ג' ה' ש', עֶס אִיז אַ גָאר אַלְטֶער מִנְהָג, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אִיז נֵס גָּדוֹל הָיָה שָׁם. אוֹיךְ אִיז דָא אִין דֶעם זֵייעֶר גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מ) דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַזוֹי ווִי אַ דְרֵיידְל, עֶס דְרֵייט זִיךְ מִיטְן מֶענְטְשׁ; אָט אִיז עֶר אוֹיבְן, אָט אִיז עֶר אוּנְטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם גְרוֹיסֶע נִיסִים; קוּק אַרַיין דָארְט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן.

עֶס זֶענֶען דָא וָואס מַאכְן אַ טָעוּת אוּן זָאגְן אַז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שְׁרַייבְּט מֶען נ' ג' ה' פ', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, נָאר דִי רִיכְטִיגֶע אוֹתִיּוֹת אִיז נ' ג' ה' ש', וַוייל דִי נִיסִים הָאט פַּאסִירְט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. דִי אוֹתִיּוֹת זֶענֶען מְרֻמָּז אִינֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מו, כח): "וְאֶת יְהוּדָה שָׁלַח לְפָנָיו אֶל יוֹסֵף לְהוֹרֹת לְפָנָיו 'גֹּשְׁנָה', וַיָּבֹאוּ אַרְצָה גֹּשֶׁן", דָאס לֶערְנְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַז דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַ דְרֵיידְל שְׁפִּיל; יֶעדֶער אֵיינֶער דְרֵייט זִיךְ, אַמָאל פַאלְט מֶען אוֹיפְן נ', אַמָאל אוֹיפְן ג', דֶער עִיקָר אִיז - זִיךְ דְרַאפֶּען אוּן דֶערְהַאלְטְן, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח תשפ"ד)



דער מולד וועט זיין: דינסטאג ביינאכט 1 מינוט און 3 חלקים נאך 8 | ראש חודש טבת יהיה ביום הרביעי

>>>>>>

גֶעדַארְפְט, וֶוען עֶר אִיז אַרַיין צוּ פּוֹטִיפַר אִים צוּ בַּאדִינֶען הָאט עֶר גֶעמוּרְמְלְט אַ תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעפוּנֶען חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּן יֶעדְן, אוּן אִין דִי אוֹיגְן פוּן מַיין הַאר פּוֹטִיפַר", אוּן וֶוען פּוֹטִיפַר הָאט גֶעזֶען וִוי יוֹסֵף מוּרְמְלְט עֶפֶּעס שְׁטִיל, הָאט עֶר אִים פָארְגֶעהַאלְטְן וָואס עֶר טוּט, "וָואס זָאגְסְטוּ דָארְט שְׁטִילֶערְהֵייט? דוּ מַאכְסְט כִּישׁוּף אוֹיף מִיר?", הָאט יוֹסֵף גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר מַאכְט נִישְׁט קַיין כִּישׁוּף חַס וְשָׁלוֹם, עֶר בֶּעט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דֶעם הָאט פּוֹטִיפַר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף.

וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּאקוּמְט עֶר אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט אַלֵיין, עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלוֹירְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלְץ מִיט אִים, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, עֶר זָאל קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל.

אוֹיךְ הָאט יוֹסֵף הַצַּדִּיק גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, וִוי דֶער בַּעַל הַטּוּרִים שְׁרַייבְּט אוֹיפְ'ן פָּסוּק כִּי בֶן זְקֻנִים הוּא לוֹ, דָאס וָוארְט "זְקֻנִים" אִיז נוֹטָרִיקוֹן "זְרָעִים קָדָשִׁים נָשִׁים יְשׁוּעוֹת מוֹעֵד". וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט עֶר אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ק:) **"וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָמִיד, אֵלּוּ בַּעֲלֵי מִשְׁנָה"**.

וֶוען אַ אִיד אִיז אֱמֶת'דִיג פְרֵיילִיךְ, גִיסְט זִיךְ דָאס אוֹיךְ אַרִיבֶּער אוֹיף אַנְדֶערֶע אַרוּם אִים, עֶר מַאכְט פְרֵיילִיךְ יֶעדְן וָואס שְׁטֵייט נֶעבְן אִים. דָאס זֶעט מֶען בַּיי יוֹסֵף הַצַּדִּיק אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער שַׂר הַמַּשְׁקִים אוּן דֶער שַׂר הָאוֹפִים זֶענֶען טְרוֹיעֶרִיג, וַיַּרְא אֹתָם וְהִנָּם זֹעֲפִים, הָאט עֶר עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, עֶר הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט זֵיי פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶעמָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי אֱמֶת'עֶ צַדִּיקִים וָואס זָאלְן אוּנְז פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אוּן דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל וַיֵּשֶׁב תשס"ה, וְעוֹד)

>>>>>>

עֶס לִיגְט אִים נִישְׁט אִין דִי בֵּיינֶער אַז יֶעדֶער רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט עֶר זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג פוּן דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן, אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין הֲנָאָה אִין זַיין לֶעבְּן.

וֶוען אַ אִיד אִיז אָבֶּער שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס אַזוֹי גֶעמַאכְט, דַאן הָאט עֶר אַ פְרֵיילִיכֶע אוּן גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן, עֶר וֵוייסְט אַז דִי שְׁוֶועריִקַייטְן קוּמֶען אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס אִיז זִיכֶער פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר בֶּעט שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן מִיט יֶעדְן פְּרָאבְּלֶעם, אוּן אַזוֹי קֶען עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אַלֶעס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען.

מִיט דֶעם וָואס דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאבְּן זֵיי מִיט דֶעם פַארְטוּנְקְלְט דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן. זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן זֵייעֶר גַאנְצֶע מוּט אוּן חֵשֶׁק, זֵייעֶר גַאנְצֶער מוּט אִין לֶעבְּן. בִּיז דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים אוּן צוּרִיק אַיינְגֶעבַּאקְן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אִין דִי הֶערְצֶער פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

## שַׁבָּת מִילָה אוּן חוֹדֶשׁ

דִי יְוָנִים הָאבְּן זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל פַארְלֵייגְט אוֹיף דִי דְרֵיי מִצְוֹת, אוֹיף שַׁבָּת, אוֹיף בְּרִית מִילָה, אוּן אוֹיף קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ. דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי דְרֵיי מִצְוֹת "שַׁ'בָּת מִ'ילָה חֹ'ודֶשׁ", אִיז "שָׂמֵחַ". מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הִיט אַלֶע מִצְוֹת, וֶוערְט עֶר אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ. דָאס אִיז בַּיי יֶעדֶע מִצְוָה. אָבֶּער סְפֶּעצִיעֶל דִי דְרֵיי מִצְוֹת אִיז מֶער מְסוּגָל צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ.

בַּיי שַׁבָּת זָאגְן דִי חֲזַ"ל (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי בְּהַעֲלוֹתְךָ רֶמֶז תשכ"ה) "וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם - אֵלּוּ הַשַּׁבָּתוֹת" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַלְס אַ גוּטֶע מַתָּנָה, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן הֲנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת.

בַּיי בְּרִית מִילָה זָאגְט דִי גְמָרָא (שַׁבָּת ק"ל.) אַז דִי מִצְוָה פוּן בְּרִית מִילָה הָאבְּן דִי אִידְן מְקַבֵּל גֶעוֶוען בְּשִׂמְחָה, אוּן זֵיי טוּעֶן עֶס נָאךְ בִּיז הַיינְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, מֶען מַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַ בְּרִית.

אוּן אוֹיף רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאגְט דִי גְמָרָא (פְּסָחִים ע"ז.) אַז עֶס הֵייסְט אַ יוֹם טוֹב, וַוייל אַלֶע יָמִים טוֹבִים זֶענֶען דָאךְ אָנְגֶעהָאנְגֶען אוֹיף רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. לוֹיט וֶוען עֶס אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, לוֹיט דֶעם וֵוייסְט מֶען וֶוען עֶס אִיז אַלֶע יָמִים טוֹבִים. אוּן מִיר זֶעעֶן טַאקֶע וִוי אִידִישֶׁע קִינְדֶער טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ בַּיי "קִידּוּשׁ לְבָנָה" יֶעדְן חוֹדֶשׁ.

זֶעעֶן מִיר פוּן דֶעם אַז דִי דְרֵיי מִצְוֹת זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן זִיךְ דִי יְוָנִים דַוְקָא פַארְלֵייגְט אוֹיף דִי מִצְוֹת. זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אַז דִי אִידְן זָאלְן פַארְלִירְן זֵייעֶר שִׂמְחָה אוּן מוּט, זֵיי זָאלְן פַארְלִירְן זֵייעֶר הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אוּן דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְן זֵייעֶר גַאנְצֶער חֵשֶׁק אִין לֶעבְּן. וַוייל וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער אוּן פְרֵיילִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רְמָ"א הוֹיבְּט אָן דֶעם עֶרְשְׁטְן סְעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי וֶוערְטֶער "שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד" אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים שְׁטֶענְדִיג. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רְמָ"א עֶנְדִיגְט דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי וֶוערְטֶער "וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָמִיד" אַז אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ.

דִי צְוֵוייא זַאכְן גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם הַאנְט בַּיי הַאנְט. וִוי אַזוֹי קֶען אַ אִיד זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ? עֶס גֵייט דָאךְ נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, עֶר הָאט דָאךְ פִילֶע צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים? וֶוען אַ אִיד גֶעדֶענְקְט אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט אִים, עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גֶעדֶענְקְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן קֶען עֶר זַיין אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ.

## אוֹיף וָואס זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוּן הָאבְּן נָאר גוּטֶע מִדּוֹת, דַארְף עֶר קוֹדֶם בֶּעטְן אוֹיף אֵיין מִדָּה אוּן אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף דֶעם בִּיז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִדָּה, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר גֵיין צוּ דִי צְוֵוייטֶע אוּן צוּ דִי דְרִיטֶע אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער דִי שְׁאֵלָה, פוּן וואוּ הוֹיבְּט מֶען אָן? וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אוֹיף וועלְכֶע מִדָּה זָאל מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע בֶּעטְן?

דִי עֶרְשְׁטֶע מִדָּה אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן אִיז אוֹיף שִׂמְחָה, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְט שׁוֹין מְמֵילָא אַוֶועק אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, וָואס קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַלֶע גוּטֶע מִדּוֹת.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי עוֹזֵר, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', מִיט פוּלֶסְטְן בְּרֶען אוּן עֶרְנְסְטְקֵייט, אוּן פוּן זַיין גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה הָאט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען צוּגֶעלֵייגְט, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זָאגְן אוֹיף דִיר עוֹזֵר אַז דוּ בִּיזְט פְרוּם (עֶרְנְסְט), אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי'ן, דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרוּם אוֹיךְ". דָאס מֵיינְט אַז דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף שִׂמְחָה, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

צִי עֶס גֵייט גוּט אָדֶער שְׁלֶעכְט, וֶועט דֶער טָאג סַיי וִוי אַרִיבֶּער גֵיין. מְמֵילָא פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אִינֶעם טָאג? חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא, שְׁמִינִי) "אֵין הַשִּׂמְחָה מִמְּתֶנֶת לָאָדָם, לֹא כָּל מִי שֶׁשָּׂמֵחַ הַיּוֹם שָׂמֵחַ לְמָחָר", אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ גֶעדֶענְקְן, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁוֶוערֶע טָאג, זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען ווִיל, אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען טְרַאכְט "מָארְגְן וֶועט זַיין אַ בֶּעסֶערֶע טָאג, מָארְגְן וֶועל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ". דֶערְפַאר זָאגְן אוּנְז דִי חֲזַ"ל: וַוארְט נִישְׁט אוֹיף מָארְגְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל וִוי אַזוֹי וֵוייסְטוּ וָואס מָארְגְן וֶועט זַיין? פְּרוּבִּיר צוּ זַיין הַיינְט פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וִוי אַזוֹי דִי מַצָּב אִיז, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶעס, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז עֶר מַצְלִיחַ.

דִי בְּחִירָה לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וִוי אַזוֹי עֶר זָאל אָנְנֶעמֶען זַיין לֶעבְּן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט "רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם 'הַיּוֹם' בְּרָכָה וּקְלָלָה" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַ מַתָּנָה אַ 'טָאג', אוּן עֶר קֶען מִיט דֶעם מַאכְן אַ בְּרָכָה אָדֶער אַ קְלָלָה, פְרֵיילִיךְ אָדֶער טְרוֹיעֶרִיג, מֶען קֶען אָנְנֶעמֶען דֶעם טָאג גוּט, קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן מֶען קֶען אַלֶעס אָנְנֶעמֶען שְׁלֶעכְט, אוּן זַיין טְרוֹיעֶרִיג, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים", וֶועל אוֹיס דָאס לֶעבְּן, צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, שְׁטֶענְדִיג צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן דַאן וֶועט עֶר אֵייבִּיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל מִקֵּץ תשנ"ט, שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק י"ג עֵרֶךְ וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָמִיד, וְחֵלֶק י' עֵרֶךְ שִׂמְחָה)

# בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אוֹיף חֲנוּכָּה

## חֲנוּכָּה מַאכְט מֶען אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, שְׁנַת תשע״ה לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין דִי לִיכְטִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג; אַ חֲנוּכָּה מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן רֶבִּי׳ן אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס הֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן יֶעצְט חֲנוּכָּה זָאגְט דֶער רֶבִּי אִיז ״יְמֵי הוֹדָאָה״ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ב), מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק בַּיי דִי מְנוֹרָה אַנְטְקֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט, אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּנִים בְּפָנִים, מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט וְכוּ׳.

טַייעֶרֶער ... דַארְפְסְט דָאךְ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אוֹיף דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר. עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ טַייעֶרֶע וַוייבּ מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, דֶערְפַאר מַאךְ אַ נַייעֶ הַתְחָלָה, חֲנוּכָּה אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן זִיךְ בַּאנַייעֶן – ״חֲנוּכַּת הַמִּזְבֵּחַ״, מֶען הֵייבְּט אָן פוּן דָאסְנַיי פוּן פְרִישׁ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, בִּפְרַט אַז מֶען כַאפְּט אַ טְבִילָה אִין מִקְוֶה פַאר מֶען צִינְדְט דִי חֲנוּכָּה לִיכְט; עַל כָּל פָּנִים יֶעדְן טָאג נִישְׁט פַארְפֶעלְן מִקְוֶה. דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט אוּן מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַלְט אוּן מִיד אוּן מְיָאֵשׁ, אָבֶּער דֶער רֶבִּי אִיז גְרֶעסֶער פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, אוּן עֶר מַאכְט אוּנְז פְרִישׁ, אַז מִיר זָאלְן כְּסֵדֶר אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ.

מַאךְ אַ נַייעֶ הַתְחָלָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן כֹּחוֹת אָנְצוּגֵיין אַ גַאנְץ לֶעבְּן בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה וְיִרְאַת ה׳.

**פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.**

## חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ה כִּסְלֵיו, א׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר הָאבְּן.

דֶער רֶבִּי גְרֵייט אוּנְז אָן אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אַזוֹי וִוי מֶען לֶעבְּט אִין גַן עֵדֶן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ב): ״וָואס אִיז עוֹלָם הַבָּא? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״; וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דֶער מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ט, ז): ״לֶעָתִיד לָבוֹא כָּל הַקָּרְבָּנוֹת בְּטֵלִין, וְקָרְבַּן תּוֹדָה אֵינוֹ בָּטֵל; כָּל הַתְּפִלּוֹת בְּטֵלוֹת, הַהוֹדָאָה אֵינָהּ בְּטֵלָה״, לֶעָתִיד לָבוֹא וֶועלְן אַלֶע קָרְבָּנוֹת בָּטֵל וֶוערְן, חוּץ קָרְבַּן תּוֹדָה וֶועט אִיבֶּערבְּלַייבְּן. קוּמְט אוֹיס – זָאגְט דֶער רֶבִּי – אַז לֶעָתִיד לָבוֹא וֶועט אַלֶעס בָּטֵל וֶוערְן, נָאר אֵיין זַאךְ וֶועט זַיין, תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן (בְּנוּסַח עַל הַנִּסִּים): ״וְקָבְעוּ שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנוּכָּה, לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לִשְׁמוֹ הַגָּדוֹל״, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן קוֹבֵעַ גֶעוֶועְן דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע נִסִּים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז, אוּן וָואס עֶר טוּט שְׁטֶענְדִיג מִיט אוּנְז. יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין אִין דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז, אוּן אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן חִנּוּךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, דוּ הָאסְט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, דַארְפְסְטוּ אַלֶעס לֵייגְן אִין דֶער זַייט צוּ קֶענֶען זַיין גְרֵייט צוּ צִינְדְן דִי מְנוֹרָה מִיט דַיינֶע קִינְדֶער. מֶען דַארְף אַהֵיים קוּמֶען צֵייטְלִיךְ פוּן דֶער אַרְבֶּעט אַז מֶען זָאל קֶענֶען צִינְדְן דִי מְנוֹרָה מִיט דִי קִינְדֶער.

מֶען זֶעט הַיינְט לֵיידֶער אַז זֵייעֶר אַסַאךְ קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט הַשֵּׁם יְרַחֵם, יֶעדֶער פְרֶעגְט וָואס מֶען קֶען טוּן צוּ רַאטֶעוֶועְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, וָואס מֶען קֶען טוּן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט אַוֶועקְפַאלְן; אוֹיבּ דִי קִינְדֶער הָאבְּן אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ, דִי טַאטֶע מַאמֶע פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי, דִי טַאטֶע מַאמֶע גֶעבְּן אַוֶועק זֵייעֶר צַייט פַאר זֵיי, דֶעמָאלְט וֶועלְן דִי קִינְדֶער זוּכְן אַהֵיים צוּ קוּמֶען, אוּן וֶועלְן מַאכְן נַחַת פַאר זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן. קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן עֶנְדֶערְשׁ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער וִוי צוּ גֵיין פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים, וַוייל יֶעדֶע מִינוּט וָואס מֶען גֶעבְּט אַוֶועק פַאר דִי קִינְדֶער אִיז אַ זִיכֶערֶע אוּן אֵייבִּיגֶע רֶיוַח.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט אַהֵיים קוּמֶען חֲנוּכָּה צֵייטְלִיךְ אָנְצוּצִינְדְן דִי מְנוֹרָה; מִיר פִירְן זִיךְ אָנְצוּטוּן בִּגְדֵי שַׁבָּת בְּשַׁעַת מֶען צִינְדְט אָן דִי מְנוֹרָה, אוּן מֶען בְּלַייבְּט מִיט דִי בִּגְדֵי שַׁבָּת בְּמֶשֶׁךְ דִי הַאלְבֶּע שָׁעָה וָואס מֶען זִיצְט בַּיי דִי לִיכְט.

דִי סֵדֶר הַזְּמִירוֹת וָואס מֶען זִינְגְט, דָאס אִיז אָפְּגֶעדְרוּקְט אִין סֵפֶר נֵר לְהַצַּדִּיק; אוֹיךְ הָאבְּן מִיר אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן אִין אִידִישׁ ״סֵדֶר הַדְלָקַת נֵר חֲנוּכָּה״, דָארְט אִיז דָא דֶער סֵדֶר פוּן דִי זְמִירוֹת. נָאכְדֶעם וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת, פַארְצֵיילְט מֶען פַאר דִי קִינְדֶער דִי נֵס פוּן חֲנוּכָּה, כְּדֵי אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין זֵיי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ב, ד) אַז דִי יְוָנִים הָאבְּן גּוֹזֵר גֶעוֶועְן ״כִּתְבוּ לָכֶם עַל קֶרֶן הַשּׁוֹר, שֶׁאֵין לָכֶם חֵלֶק בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל״, מֶען זָאל אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיפְן הָארְן פוּנֶעם קוּ וֶוערְטֶער אַנְקֶעגְן דִי אֱמוּנָה; לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס עֶפֶּעס הָאבְּן זֵיי דָאס גֶעהֵייסְן אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף דִי הָארְן פוּנֶעם קוּ. נָאר מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, אַז דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דִי אֱמוּנָה שׁוֹין פוּן דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נָאךְ אִין וִויגֶעלֶע, וָואס טְרִינְקֶען פוּן אַ בָּאטְל. אַמָאלִיגֶע צַייטְן פְלֶעגְט מֶען מַאכְן פוּנֶעם הָארְן אַ בָּאטְל פַאר קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין דִי גְמָרָא (שַׁבָּת לה:) אַז אַ קֶרֶן אִיז נִישְׁט מֻקְצֶה, וַוייל עֶס אִיז רָאוּי פַאר אַ קִינְד צוּ טְרִינְקֶען פוּן דֶעם; דָאס הָאבְּן דִי יְוָנִים גֶעוָואלְט, אַז אֲפִילוּ דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס לִיגְן נָאךְ אִין וִויגֶעלֶע, זֵיי טְרִינְקֶען נָאךְ פוּנֶעם בָּאטְל, אוֹיף זֵייעֶר מִילְךְ בָּאטְל זָאל שְׁטֵיין אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אַז מִיר גְלֵייבְּן נִישְׁט וְכוּ׳.

דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר טוּן פוּנְקְט דָאס פַארְקֶערְטֶע פוּן זֵיי, אַרַיין לֵייגְן אִין דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער אֱמוּנָה, וִוי מֶער זִינְגֶען נִגּוּנִים פוּן אֱמוּנָה, רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן מד): וִוי מֶער מֶען רֶעדְט דִּבּוּרֵי אֱמוּנָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ שְׁטֶערְקֶערֶע אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פט, ב): ״אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי״, דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט, אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייל אִיךְ רֶעדְט דִּבּוּרֵי אֱמוּנָה; דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִילָה – יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דוּ הָאסְט עֶס בַּאקוּמֶען, וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן תְּפִילָה, מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, בְּרֶענְגְט דָאס אַרַיין אִין דִי וָואס הֶערְן דִי מַעֲשִׂיּוֹת – זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.**

## חֲנוּכָּה קוּמְט אַרָאפּ אַ לִיכְטִיגְקֵייט, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ה כִּסְלֵיו, א׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ב

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, נֶעכְטְן הָאבְּן מִיר גֶעצִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע לֶעכְט, בַּאלְד גֵייעֶן מִיר שׁוֹין צִינְדְן דִי צְוֵוייטֶע לֶעכְטְל.

אִיךְ וִויל דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר חִיזּוּק וֶוערְטֶער. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז אַלֶע יָארְן אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶועְן מִיט דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר, הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מָאל שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא״שׁ דִי פָּאר וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, לָאמִיר דָאס אִיבֶּער׳חַזְרְ׳ן יֶעצְט פַאר מִיר צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע לֶעכְט.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה, ד.) יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: ״מָאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא״, וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקֶל – לִיכְטִיג, ״וְטַעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא״, וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן בִּיטֶער – זִיס, ״מָאן מִנְּכוֹן דִּמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר וְכוּ׳, וֶוער וַוארְט יֶעדְן טָאג אַז עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן? – דֶער וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶערֶע לֶעבְּן אַ זִיס לֶעבְּן אוּן פוּן זַיין

<<<<<<

>>>>>>

טוּנְקְלְקֵייט - לִיכְטִיג, עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִין דֶער בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִיק אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ עוֹלָם הַבָּא.

חֲנוּכָּה קוּמְט אַרָאפּ אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי טוּנְקְלְקֵייט. דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט מַאכְן טוּנְקְל, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ב, ד): "חֹשֶׁךְ, זֶה גָּלוּת יָוָן, שֶׁהֶחֱשִׁיכָה עֵינֵיהֶם שֶׁל יִשְׂרָאֵל", זֵיי הָאבְּן טוּנְקְל גֶעמַאכְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בִּיז דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן צוּרִיק לִיכְטִיג גֶעמַאכְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אֱמוּנָה, מֶען זָאל גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

צִינְד צַייטְלִיךְ, זִיץ בַּיי דִי לִיכְט כָאטְשִׁיג אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, לֶעשׁ נִישְׁט אוֹיס דִי לִיכְט, לָאז עֶס בְּרֶענֶען; אוֹיב הָאסְטוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס לוֹיפְן אַרוּם אוּן עֶס קֶען זַיין אַ סַכָּנָה - זָאלְסְטוּ לֵייגְן דִי מְנוֹרָה אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין סַכָּנָה פוּן זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.

זָאג אַפָּאר וֶוערְטֶער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי לִיכְט; בֶּעט פַאר דִיר, בֶּעט פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת אוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**
**אַ לִיכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.**

## לָאמִיר זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב-מְבָרְכִים טֵבֵת, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַיְקָרִים, טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם שֶׁיִחְיוּ**

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן; שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ב) אַז חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (נוּסַח וְעַל הַנִּסִּים): "וְקָבְעוּ שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנוּכָּה אֵלוּ לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל".

יֶעדֶער אֵיינֶער גֵייט אַרִיבֶּער וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, יֶעדְן אֵיינֶעם פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט גוּט, מֶען זוּכְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְ'ס חֲסָדִים - קֶען מֶען טְרֶעפְן אִין דִי טוּנְקְל אַ שֵׁיין.

דָאס לֶערְנֶען מִיר פוּן חֲנוּכָּה; אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען טָמֵא, נָאר אֵיין קְרִיגְל אוֹיל אִיז גֶעבְּלִיבְּן רֵיין, פוּן דֶעם הָאט מֶען גֶעמַאכְט דֶעם יוֹם טוֹב.

אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין וָואס וָואלְט גֶעוֶוען וֶוען דִי חַשְׁמוֹנָאִים וָואלְטְן נִישְׁט גֶעוֶוען בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים, זֵיי וָואלְטְן גֶעמַאכְט אַנְשְׁטָאט אַ יוֹם טוֹב - אַ תַּעֲנִית, עֶס וַוייזְט זִיךְ אוֹיס אַז דִי חַשְׁמוֹנָאִים זֶענֶען גֶעוֶוען בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים, זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיט 'אַזְמְרָה' (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב) - גֶעזוּכְט דִי נְקוּדָה טוֹבָה אוּן פוּן דֶעם גֶעמַאכְט אַן עֵסֶק.

טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, לָאמִיר זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן, לָאמִיר זִינְגֶען: "וּמְנוֹתַר קַנְקַנִּים...", לָאמִיר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף וָואס מִיר זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן. אֲפִילוּ דִי יְוָנִים, דֶער יֵצֶר הָרָע - הָאט מִיר מְטַמֵא גֶעמַאכְט, עֶר הָאט מִיר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיךְ בִּין אֵיין שְׁטִיק טָמֵא, אִיךְ הִיט נִישְׁט מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ הָאבּ שְׁמוּצִיגֶע גֶעדַאנְקֶען - דָאךְ זוּךְ אִיךְ אִין מִיר אַ גוּטֶע נְקוּדָה, פוּן דֶעם מַאךְ אִיךְ אַן עֵסֶק.

טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, לָאמִיר רַאטֶעוֶועןְ אַנְדֶערֶע אִידְן, לָאמִיר רַאטֶעוֶוען אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער; מִיר דַארְפְן עוֹסֵק זַיין אִין 'הֲפָצָה', יֶעדֶער דַארְף טְרַאכְטְן 'וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ רַאטֶעוֶוען אַ צְוֵוייטְן?'

דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַזוֹיפִיל נִסְיוֹנוֹת; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט פוּן דֶער וֶועלְט אוּן אַזוֹיפִיל טְרֵייף פָּסוּל פַארְמֶערְט זִיךְ, אֵיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּיְ'ן וֶועט אַלֶעס רַאטֶעוֶוען"; אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט (פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב; בְּרֵאשִׁית לז, א): "הַפֶּחָמִי תָמַהּ, אָנָה יִכָּנֵס כָּל הַפִּשְׁתָּן הַזֶּה", וָואס טוּט מֶען מִיט אַזוֹיפִיל פְּרָאבְּלֶעמֶען? קוּמְט דֶער פִּקֵחַ, דֶער מֵפִיץ אוּן זָאגְט: "אֵיין פִּינְק, אֵיין סֵפֶר, אֵיין קוּנְטְרֵס, גִלְיוֹן - פוּן רֶבִּיְ'ן פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים".

טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, אִיר פָּארְט "זֹאת חֲנוּכָּה" קֵיין יַבְנְאֵל, בֶּעטְס פַאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל, אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ אוּן קֶענֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת אוּן אַ לִיכְטִיגֶער חֲנוּכָּה.

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'
## ערשטע באנד פון ספר אשר היה אל יואל ווערט געדרוקט

נאכדעם וואס עס איז שוין דורך כמעט א יאר פון וואס דער הערליכער גליון אשר היה אל יואל האט אנגעהויבן צו ערשיינען, האט דער בית הדפוס געמאלדן אז זיי זענען יעצט אינעם פראסעס פון דרוקן די ערשטע באנד אלץ א באזונדערע ספר.

די ספרים און קונטרסים "אשר היה אל יואל" באשטייט פון די דברות קודש וואס דער ראש ישיבה שליט"א לאזט הערן וועכענטליך ביי שלש סעודת, קלאר און הערליך אראפגעשריבן. אנשי שלומינו פון איבער די גאנצע וועלט וועלכע האבן נישט די זכיה צו הערן די שיינע געשמאקע ווערטער פון שלש סעודות פון ראש ישיבה שליט"א ערשט האנטיג האבן דורך דעם די געלעגענהייט צו לערנען די הייליגע ווערטער פונעם ספר.

די שלש סעודות תורה פון ראש ישיבה שליט"א וואשט אויס אידישע קינדער צום אויבערשטן, מען קומט ארויס א פרישע מענטש פעסט באשלאסן אז איך הייב אן פון פריש, זאל זיין וואס זאל זיין, דער אויבערשטער האט מיר ליב, און ווארט אויף מיר ווי א טאטע צו זיינע פארלוירענע קינדער. די תורות פון ראש ישיבה צייכענען זיך אויס מיט עצות און חיזוק אויף למעשה, זאכן וואס מען קען תיכף אפלייען צום טאג טעגליכן לעבן, און מיט דעם ווערן נאנטערן צום אויבערשטן. ווי באקאנט איז געווען דעם רבינ'ס סדר ביי די הייליגע תורות און שמועסן, אז ווען דער רבי רעדט פון א פראבלעם, וועט ער אלץ זאגן די עצה וואס מען קען טון דערצו, און דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אלץ פאר ביי שלש סעודות א תורה אדער א שיחה פון הייליגן רבי'ן און ווייזט אן וויאזוי מען קען ארויסנעמען דערפון עצות צו עבודת ה'.

דער ספר ווערט ארויסגעגעבן דורכן קרן הדפסה, וועלכע לייגט אריין גאר גרויסע כוחות אז דער ספר זאל ארויסקומען שיין און באַ'טעמ'ט, און ווי זיי געבן אונז איבער גייט עס בעז"ה גיין צום דרוק בערך אין א חודש פון יעצט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אויף דעם ספר אז די זעלבע הבטחה וואס מוהרא"ש האט געגעבן אז מען וועט זען זיכערע ישועות אויב מען דרוקט "אשר בנחל" גייט אויך אן ביי "עצתו אמונה" און דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעלייגט אז דאס איז אויך ביי "אשר היה אל יואל". די וואס ווילן קויפן א זכות אין דעם ספר פאר $500 אדער דער וואס וויל אפקויפן די זכות פון די מהדורה פאר פינף טויזענט דאלער קען זיך ווענדן צום געטרייען גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו אויף 347-578-4449.


## סימן טוב ומזל טוב

החתן **נחמן יצחק רכניצר** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג בת
מו"ה **יעקב הורוביץ** הי"ו
***
מו"ה **בעריש קרויס** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## לאמיר צינדען ליכטעלעך

וואס האט חנוכה מיט מיר? קען איך אויך שפירן א טעם אין צינדען די הייליגע חנוכה ליכט? וויאזוי נוצט מען אויס דעם הייליגן יו"ט?
**קול ברסלב**
**212-444-9191**
**1, 2, 1, 7, 1, 52**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060/212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090